ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראֹשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ

תשפ"ד

320

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען אָנְטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם נָאךְ דִי שְׁקִיעָה?..............................א

פַאְרוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם?..........ב

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין בִּיזְנֶעס זָאל מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט?..............................ה

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק מֶען זִיךְ, נִישְׁט צוּ הֶערְן נַייעֶס?..............................ו

אִיז דָא אַן עֵצָה נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן דִי מִלְחָמָה?..............................ז

לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁפְּרִינְגֶען אִין קוֹיפְן אַ דִירָה?..............................ח

וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען אָן קַיין אוּמַאן, וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת?..............ט

זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן תְּפִלִין דְּרַבֵּינוּ תַּם?..............................יב

וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּצוּכַאפְּן אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר אֵיינֶעם?..............יג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זִינְגֶען נִיגוּנִים..............................א

יוֹם בְּשׂוּרָה הִיא לָנוּ, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל..............................ב

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעבְּן צְדָקָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל..............................ג

צוּלֵייגְן אַ פְּלֵייצֶע צוּם חֵדֶר, סְקוּל, אוּן דִי יְשִׁיבָה, מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר..........ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן קֶענֶען זִיךְ דֶעקְן..............................ד

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין הִילְף צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי בִּנְיָנֵי מוֹסְדוֹת..............................ה

אִינְמִיטְן דִי יָאגֶענִישׁ אוּן פְּלָאגֶענִישׁ, כַאפְּט מֶען אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן..............................ו

לֶערְנֶען סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן..............................ח

כָאטְשִׁיג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת און אֵיין בְּלַאט גְמָרָא בְּגִירְסָא יֶעדְן טָאג.....................ט

אִיךְ ווִיל דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי מְלַמְּדִים.........................ט

זָאל מֶען אַרַייְנְנֶעמֶען פְרֶעמְדֶע קִינְדֶער פַאר גֶעלְט?.................................י

אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן און זֵיי מְחַזֵק זַיין, אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה ..................יא

נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה קֶען מֶען אוֹיסְלֶעשְׁן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פֵייעֶר פוּן יֵצֶר הָרָע.............יא

הַלְוַאי זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיט מְסִירוּת נֶפֶש...............יג

יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.....................יד

נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, נָאר זִיךְ הִיטְן דִי גֶעזוּנְט און עֶסְן גֶעזוּנְט ......................טו

לֶערְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי שְׁטוּבּ..........טז

ווִילְסְט שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן? גֵיי פַארְטָאגְס שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן............יז

מִיט אֱמוּנָה, וֶוערְט בָּטֵל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.........................................יז

דוּרְךְ אֱמוּנָה גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן דִי טוּמְאָה..........................................יח

דִי תֵּיבָה זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי הַיינְטִיגֶע מַבּוּל .....................................יט

זָאג דַיין וַוייבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִי זָאל רֶעדְן מִיט דִי פְּרוֹי........................כ

אֵיינֶער מַאכְט מִיט דִי הֶענְט, און פוּן דֶעם הָאט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַעַת.....................כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג מֶען אָנְטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם נָאךְ דִי שְׁקִיעָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג אָנְטוּן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם נָאךְ דִי שְׁקִיעָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם לֵייגְט מֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט רַשִׁ״י, מֶען טוּט אָן תְּפִילִין אִינְדֶערְפְרִי בַּיים דַאוֶוענֶען תְּפִילַת שַׁחֲרִית בִּיז נָאךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם טוּט מֶען אָן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם.**

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מִדָּה פוּן עַצְלוּת - פוֹילְקֵייט, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אִין זִיךְ זְרִיזוּת. גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע טַלִית אוּן תְּפִילִין - רַשִׁ״י אוּן רַבֵּינוּ תַּם. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת עַצְלוּת, סִימָן ב): **״עַל יְדֵי זְרִיזוּת מֵסִיר אֶת הַשֵּׁנָה וּמְחַיֶּה אֶת הַמֹּחִין״, אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ פְלִינְקְקֵייט וֶוערְט מֶען אוֹיס מִיד אוּן דֶער מֹחַ וֶוערְט קְלָאר; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ׳נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם׳, עֶס אִיז פוֹילֶע מַעֲשִׂיוֹת.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְּט גֶעוָוארְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס בְּרֶסְלֶבְ'עֶר? אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם אוּן אִיךְ זֶע ווִי מַיין בָּחוּר וֶוערְט עֶלְטֶער... עֶס קֶען זַיין אַז מַיין וַוייב פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַּארְוָואס אִיךְ וויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אִים חֲתוּנָה מַאכְן, וַוייל זִי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶועןאַ בָּחוּר, אִיךְ הָאב חֲתוּנָה גֶעמַאכְט נִישְׁט צוּ לַאנְג צוּרִיק אַ טָאכְטֶער אוּן אִיךְ הָאב נָאךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע חוֹבוֹת; מֶען טְרָאגְט מִיר אָן שִׁידוּכִים פַּאר מַיין זוּן אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן אוּן חֲתוּנָה מַאכְן.

שְׁטִילֶערְהֵייט וֵוין אִיךְ מִיט מַיין זוּן, עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער בָּחוּר, אַזוֹי וואוֹיל ווִי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַלְס בָּחוּר, סַךְ הַכֹּל הָאב אִיךְ גֶעמַאכְט אַ גוּטְן רוֹשֶׁם, אָבֶּער אִינֶעווֵייניג הָאט מִיר גֶענָאגְט, אִיךְ בִּין פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן טוֹיזְנְט מָאל אַ טָאג. וֶוען אִיךְ זֶע אַ וואוֹילֶער בָּחוּר קוּמְט מִיר אַרוֹיף מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן ווִי אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט בַּיי דִי גְמָרָא, אִיךְ טְרַאכְט 'אוֹי וֵויי גֶעוואלְד, עֶר גֵייט דָאךְ אַרִיבֶּער וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען'; בְּקִיצוּר, עֶס הָאט מִיךְ גֶעצוֹיגְן מַיין הָאֶרֶץ, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַּארְוָואס אוּן וָואס עֶס צִיעֶט מִיךְ, וָואס עֶס נֶעמְט מִיר אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה, אָבֶּער הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הָאב פָּשׁוּט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ הָאב גֶעדַארְפְט אַ וַוייבּ.

מַיין זוּן אִיז שׁוֹין אַכְצְן יָאר, עֶר וֶוערְט שׁוֹין בַּאלְד נַיינְצְן, אוּן יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ אַלֵיין בִּין גָאר דֶער וָואס הַאלְט אָפּ שִׁידוּכִים פוּן מַיין קִינְד, עֶס גִיסְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ זַיין בְּלוּט פָּשׁוּט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ וָוארְט, בְּרֶעיסְלֶעט, תְּנָאִים, פוֹרְנִיטְשֶׁער, חֲתוּנָה נַאכְט, בַּאוַוארְפְן, שַׁבַּת בְּרָכוֹת, גְּמַחִי"ם, חוֹבוֹת.

פַארְוָואס בִּין אִיךְ בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וָואס קֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיידֶער דוּ שְׁרֵייבְּסְט אוּן דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת פַארְוָואס דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נִישְׁט אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטוּבּ, ווִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן צִי דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז בִּכְלַל בְּרֶסְלֶב? מִיר זֶעט עֶפֶּעס אוֹיס אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט דִי א' ב' פוּן בְּרֶסְלֶב, בְּרֶסְלֶב אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ רֶעכְנְסְט אוֹיס, בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ: "זִיךְ דֶערְהַאלְטְן"; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אִים.

זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער, מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן דִי וַוייבְּ'ס הַסְכָּמָה, וַוייל זַיין אַן אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; נִישְׁט מִיט דִי וַוייבּ, נִישְׁט מִיט מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; מֶען קֶען טוּן דִי עֵצוֹת, לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת - אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל בִּכְלַל וִויסְן אַז מֶען טוּט דָאס, אַזוֹי וִוי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן, וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דִי מַחֲלֹקֶת אוּן דִי הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז לֵיידֶער אַזוֹי שְׁטַארְק אַז מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אוּן טוּעֶן דִי עֵצוֹת; זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג, אוּן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, טְרַאכְטְן נִישְׁט פוּנֶעם עָבַר, בַּאנֵייעֶן זִיךְ יֶעדֶע רֶגַע פוּן פְרִישׁ - אָן דֶעם וָואס דִי וַוייבּ אָדֶער מִשְׁפָּחָה זָאלְן וִויסְן, אוּן דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס טוּן.

אִיךְ גֶעדֶענְק מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין אוּמַאן דִי מִיטְל נַאכְט דְרָשָׁה, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעשְׁטֶעלְט דִי פְּרַאגֶע, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי עֶנְטְפֶער. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעפְרֶעגְט, וֶוער קֶען זָאגְן אִין אֵיין וָוארְט וָואס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן הִתְבּוֹדְדוּת; אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיגְן דֶרֶךְ הַלִימוּד, לְסַיֵּם כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; אַ דְרִיטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן שָׁלוֹם בַּיִת; מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵיי אַלֶע גֶעזָאגְט: "אֱמֶת, דִי אַלֶע זַאכְן רֶעדְט דֶער רֶבִּי, אָבֶער וָואס אִיז דֶער פִּינְטְל פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז אִין אֵיין וָוארְט גַאנְץ חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב?" בִּיז דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן וָואס מוֹהֲרָא"ש וֶועט עֶנְטְפֶערְן, אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת אִיז אֵיין זַאךְ 'הִ תְ חַ זְ קְ וּ תְ', דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים, אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן".

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף קֵיינֶעם, זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף דַיין לֶעבְּן, הָאבּ נִישְׁט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיין וַוייבּ, אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער - אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, הוֹיבּ דוּ אָן זַיין בְּרֶסְלֶב, הוֹיבּ אָן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אַז דוּ הָאסְט אַ זוּן וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; אוּן אַז עֶס קָאסְט דִיר מָמוֹן וְדָמִים חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער - הָאסְטוּ אֵיין בְּרֵירָה, וֶוער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ וִוינְקְל אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בַּיי דִיר אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק אֵיין דָאלֶער, הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אָדֶער טוֹיזְנְט דָאלֶער אוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער, הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, הֶעלְף מִיר קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; וֶועסְטוּ זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין בִּיזְנֶעס זָאל מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ גְרוֹיסֶע בִּיזְנֶעס וָואס גֵייט שׁוֹין אָן פַאר אַפָּאר יָאר, אוֹיךְ הָאב אִיךְ קָאסְטוֹמֶערְס אוּן אַסַאךְ אַרְבֵּייטֶערְס, אָבֶּער פַּאקְטִישׁ, בַּיים סוֹף יָאר - בְּלַייב אִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט אִיבֶּער מִיט קַיין גֶעלְט.

מַיין חָבֵר הָאט מִיר פָּארְגֶעשְׁלָאגְן אַרַיינְצוּנֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶער קָאנְסָאלְטֶענְט וָואס זָאל מִיר הֶעלְפְן בֶּעסֶער מְסַדֵר זַיין דִי בִּיזְנֶעס אַז עֶס זָאל יָא אָנְהוֹיבְן מַאכְן גֶעלְט, ווִיל אִיךְ פְּרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן נֶעמֶען אַ קָאנְסָאלְטֶענְט פַאר מַיין בִּיזְנֶעס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין בִּיזְנֶעס, גֵיי דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה, גֶעב מַעֲשֵׂר אוּן חוֹמֶשׁ פַאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג אֵיידֶער דוּ הוֹיבְּסְט אָן אַרְבֶּעטְן, אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי טָאג אוּן דַיין גֶעשֶׁעפְט, דַיין בִּיזְנֶעס - פַאךְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אַזוֹי טוּן, יֶעדְן טָאג אָנְהוֹיב טָאג - זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי, וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג גֶעב אִיךְ אִיבֶּער

דֶעם גַאנְצְן טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן, סַיי פוּן מִיר אוּן סַיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער – אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵייט.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע סְגוּלוֹת וִוי אַזוֹי צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, אָבֶּער דָאס אִיז דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע פַאר אַ בִּיזְנֶעס עֶס זָאל מַצְלִיחַ זַיין, 'גֶעבְּן צְדָקָה אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק מֶען זִיךְ, נִישְׁט צוּ הֶערְן נַייעֶס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם עִנְיָן נִישְׁט צוּ הֶערְן קַיין נַייעֶס? וַוייל אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט נָאכְגֶעגַאנְגֶען אָדֶער גֶעהֶערְט נַייעֶס, קֶען אִיךְ אָבֶּער יֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, וַוייל עֶס צִיעֶט מוֹרָא'דִיג מִיטְצוּהַאלְטְן דִי נַייעֶס פוּן דִי מִלְחָמָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה דֶערְשְׁרֶעקְט עֶס מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ הֶערְן אוּן קוּקְן נַייעֶס, וַוייל וִוי מֶער מֶען הֶערְט דִי נַייעֶס – פַארְגֶעסְט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס; נִישְׁט דִי לַאנְד אוּן נִישְׁט דֶער פִירֶער, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין; בִּיז מֶען וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן.

חַזֵר זִיךְ אֱמוּנָה – וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁרֶעק; "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ" –

נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק, שְׁרֶעק קוּמְט וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן כה): "כְּשֶׁשּׁוֹכְחִים אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם נִשְׁעָנִים עָלָיו, עַל יְדֵי זֶה מִתְפַּחֲדִים מֵאֻמּוֹת", וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פֶעלְקֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דָא אַן עֵצָה נִישְׁט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן דִי מִלְחָמָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מִלְחָמָה, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי מִלְחָמָה?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד**
**לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי פְּחָדִים. חַזֶר'ט זִיךְ אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן פִירְט אַלֶעס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן כא): "כְּשֶׁיֵּשׁ הַכְנָעָה, עַל יְדֵי זֶה אֵין מוֹרָא בְּמִלְחָמָה, כְּאִלּוּ הוּא יוֹשֵׁב בְּמָצוֹר", אַז מֶען הָאט הַכְנָעָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט מוֹרָא אִין צַייט פוּן מִלְחָמָה, מֶען אִיז אַזוֹי זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט וֶוען גֶעזִיצְן אִין אַ פֶעסְטוּנְג.

צִינְדְט אָן אִין שְׁטוּב לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת פַּחַד, סִימָן יא): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק זָאל זִינְגֶען לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁפְּרִינְגֶען אִין קוֹיפְן אַ דִירָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ וואוֹין נָאךְ אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה. אִיךְ וִויל קוֹיפְן אַ הוֹיז, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מַיין מַאן מַאכְט גֶעלְט, אָבֶער נִישְׁט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע סוּמֶע, אַפָּאר מָאל אִיז דָא מֶער אָדֶער וֵוייניִגֶער בִּיזְנֶעס. מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס גֶעלְט אַרָאפְּצוּלֵייגְן צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה, אוּן אִיךְ הַאלְט אַז מֶען דארְף אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן ווייטֶער, מַיין מַאן הָאט אָבֶער זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם, עֶר הַאלְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶס שְׁפֶּעטֶער וֶוערְן בִּילִיגֶער. לוֹיט מַיין פַארְשְׁטַאנְד גֵייעֶן דִי פְּרַייזְן נָאר אַרוֹיף.

לוֹינְט זִיךְ צוּ פְּרוּבִּירְן קוֹיפְן יֶעצְט אַ דִירָה אוּן זַיין אַבִּיסְל אַיינְגֶעצוֹיגְן מִיט גֶעלְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט? אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן אַז עֶס זָאל וֶוערְן בִּילִיגֶער אָבֶער עֶס קֶען פּוּנְקְט אַזוֹי וֶוערְן נָאךְ טֵייעֶרֶער?

אִיךְ וִויל שׁוֹין זֵייעֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין קְלֵיינֶע דִירָה, אוּן אוֹיסֶער דִי קְלֵיינִקֵייט הָאט דִי דִירָה נָאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן דֶערוֹיף.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְן עֶנְק אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין קוֹיפְן אַ דִירָה; עֶנְדֶערְשׁ נֶעמְט אַ הַלְוָאָה פוּן בַּאנְק, צָאלְט חוֹדֶשׁ'לִיךְ פַאר דִי בַּאנְק פַאר אַן אֵייגֶענֶע דִירָה, ווִי אֵיידֶער צָאלְן רֶענְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן דִי גֶעלְט גֵייט צוּ דִי רוּחוֹת; אוֹיסֶער וָואס דֶער בַּעַל הַדִּירָה קֶען אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם טֶענֶענְט דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ.

יֶעצְט וֶוען מֶען טְרַאכְט פוּן קוֹיפְן אַ דִירָה, דַארְף מֶען אוֹיךְ טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית; וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי גוּטֶע זַאכְן, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן פְּרוּוְוען נֶעמֶען מִיט דִי זְכוּתִים פוּן אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַייהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרָן לְגַבְרַייהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אוֹיף דֶעם וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען שְׂכַר.

וְהָעִקָּר נָאר מִיט שָׁלוֹם; מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וְוִי אַזוֹי קוּמְט מֶען אָן קַיין אוּמַאן, וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פוּן טִיפְן הַארְצְן וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִין מַיין קָאפּ אִיז דָאס גֶעוֶוען מַמָּשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ, אָבֶּער אִינְמִיטְן זוּמֶער וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז קַיין אוּמַאן פָּארְט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה, הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גַאנְצְן צַייט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדֶע תְּפִלָּה הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וְוִי אַ תְּפִילַּת שָׁוְא, עֶס הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען אַז דָאס אִיז מֶעגְלִיךְ עֶס זָאל פַּאסִירְן, אִיךְ בִּין אֲפִילוּ גֶעוֶוען אוּם זוּמֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אוֹיךְ דָארְט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער בִּשְׁעַת'ן בֶּעטְן אִיז עֶס גֶעוֶוען בַּיי מִיר מַמָּשׁ אַ תְּפִילַּת שָׁוְא.

זֶעט אָבֶער אוֹיס אַז תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג קַיין אוּמַאן. צוּם עֶרְשְׁט אַז מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גָאר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָארְן, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ הָאב גֶעקוֹיפְט דֶעם טִיקֶעט בְּלוֹיז דִי נַאכְט פַארְן פָארְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאב נָאךְ גֶעקֶענְט הָאבְּן אוֹיךְ אַ פְּלַאץ אוֹיפְן בַּאן, אוּן אוֹיךְ אַ בֶּעט אִינֶעם בִּנְיַן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע תְּפִילוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעדַאוֶוענְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאבּ אִין מַיין לֶעבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אַזאַ שֵׁיינֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן בִּכְלַל דַארְף אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַארְן מִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ זִיס לִיכְטִיג יָאר.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַזוֹי הָאט מוֹהֲרַאְ"שׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען אָן נָאר אַז מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּענְקְט"; בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן, הָאפְן אוּן גְלִיסְטְן, מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה - דָאס אִיז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מִיר הָאבְּן קוּים אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, אוּן וָואס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דִי יָאר אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁוֶוער... בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז יֶעצְט אַרִיבֶּער... אוּן דָאס אַלֶעס הָאט מֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. "מִי יִחְיֶה", וֶוער וֶועט לֶעבְּן, "וּמִי יָמוּת", אוּן וֶוער וֶועט נִפְטָר וֶוערְן, "מִי בָאֵשׁ", וֶוער וֶועט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן, "וּמִי בַּמַּיִם", אוּן וֶוער וֶועט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן; אַלֶעס שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס זָאגְט אוּן בֶּעט: "קוּמְט צוּ מִיר, אִיךְ קֶען אַייךְ אַלֶע מְתַקֵּן זַיין", אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט -

וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט – (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז) "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אַז אֲפִילּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען עֶר זֵיי אָבֶּער הֶעלְפְן אוּן פַארְרֶעכְטְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, – אִיז נָאךְ דָא אַ סָפֵק יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן?

זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן טַאנְץ יֶעדְן טָאג: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ" – אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיין מְקוֹרָב צוּ אִים, אוּן בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְפְן מִיר אַלֶע טַאנְצְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קוֹיפְן תְּפִלִין דְּרַבֵּינוּ תַּם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז, סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּב דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

פַאר בְּעֶרֶךְ אַנְדֶערְהַאלְבְּן יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁטֶעלְט פַאר מִיר תְּפִלִין דְּרַבֵּינוּ תַּם, אַזוֹי וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט פַאר דֶעם.

עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים צוּרִיק בִּין אִיךְ אָבֶּער גֶעוֶוען אִין גָאר אַ גֶעדְרוּקְטֶע מַצָּב, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶענוּצְט דִי גֶעלְט וָואס אִיז גֶעוֶוען אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פַאר דִי תְּפִלִין. לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נָאכְבַּאלְן זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט, אוּן הַיינְט הָאבּ מֶען מִיךְ גֶערוּפְן אַז דִי תְּפִלִין אִיז גְרֵייט פַאר מִיר, אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ עֶס בַּאצָאלְן.

וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט? זָאל אִיךְ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יָא, בָּארְג גֶעלְט צוּ קֶענֶען לֵייגְן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין, אוּן זָאלְסְט בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלִיךְ.

אֵיינֶער פְרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ (שו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק כ, ב׳ תקא) עֶר הָאט אַבִּיסְל גֶעלְט אָדֶער צוּ קוֹיפְן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם, אָדֶער צוּ גֶעבְּן פַאר הַדְפָּסָה, אָדֶער פַאר אַ חָבֵר צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וָואס זָאל עֶר טוּן, וָואס אִיז דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע? מוֹהֲרָא״שׁ עֶנְטְפֶערְט: ״אֵיזוֹ שְׁאֵלָה אַתָּה שׁוֹאֵל״, וָואס פַאר אַ פְרַאגֶע פְרֶעגְסְטוּ? ״הֲרֵי יֵשׁ פּוֹסְקִים שֶׁאוֹמְרִים שֶׁמִּי שֶׁלֹּא מַנִּיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם הוּא בִּכְלַל קַרְקַפְתָּא דְּלָא מָנַח תְּפִילִין״, עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט נִישְׁט תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם אִיז מֶען אַ קַרְקַפְתָּא דְּלָא מָנַח

תְּפִילִין, "עַד כְּדֵי כַּךְ זֶה חָמוּר", אַזוֹי הַארְב אִיז לֵייגְן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם, בִּפְרַט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל לֵייגְן בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין, רַשִׁ"י וְרַבֵּינוּ תַּם, פוּן דִי טָאג וָואס מֶען הָאט בַּר מִצְוָה, "וְלָכֵן לָמָּה אַתָּה שׁוֹאֵל אֵיזוֹ צְדָקָה לָתֵת קוֹדֶם", אִיז וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע 'וָואס אִיז וִויכְטִיגֶער?' "קוֹדֶם צְרִיכִים לִקְנוֹת לְעַצְמוֹ תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם", דָאס עֶרְשְׁטֶע זָאלְסְטוּ קוֹיפְן תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם, כִּי חֲבָל עַל כָּל יוֹם שֶׁאַתָּה עוֹבֵר וְלֹא מַנִּיחַ תְּפִילִין דְּרַבֵּינוּ תַּם", וַוייל עֶס אִיז אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֵייגְט יֶעדְן טָאג בֵּיידֶע פָּאר תְּפִילִין, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּצוּכַאפְּן אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר אֵיינֶעם?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט פַאר, דָאס גֶעבְּט מִיר חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (קִידּוּשִׁין נ"ט.) רַבִּין חֲסִידָא אִיז גֶעגַאנְגֶען מְקַדֵּשׁ זַיין אַ פְרוֹי פַאר זַיין זוּן אַלְס שָׁלִיחַ, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִיר מְקַדֵּשׁ גֶעוֶוען פַאר זִיךְ אַלֵיין, וַוייל זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי טָאכְטֶער פַאר זַיין זוּן נָאר פַאר אִים, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קוֹדֶם אַיינְמֶעלְדְן פַאר זַיין זוּן אַז עֶר גֵייט אִיר מְקַדֵּשׁ זַיין פַאר זִיךְ, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אִינְצְווִישְׁן וֶועט אַ צְווֵייטֶער אוֹיסְכַאפְּן דֶעם שִׁידּוּךְ. אִיז מִיר שְׁוֶוער גֶעוָוארְן בַּיים לֶערְנֶען, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיסְכַאפְּן אַ שִׁידּוּךְ, אַלֶעס אִיז דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל וָואס עֶס בַּאלַאנְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט פַאר אִים וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען?

אוּן דִי זֶעלְבֶּע זֶעט מֶען דָארְט וַוייטֶער אִין דִי גְמָרָא אַז אֵיינֶער פוּן דִי אֲמוֹרָאִים הָאט

בַּאקוּמֶען גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ פֶעלְד פַאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר עֶס גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ; אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה אַז נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעקֶענְט קוֹיפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַארְן צְוֵוייטְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל עֶס דֶערְוַוייל אוֹיסְכַאפְּן; וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ צוּצוּכַאפְּן אַ זַאךְ פוּן אַ צְוֵוייטְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי רִאשׁוֹנִים (רִיטְבָ"א בְּמַסֶּכֶת מוֹעֵד קָטָן, דַּף יח:) פְרֶעגְן דִי פְרַאגֶע, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן אֵיינֶעם אַ שִׁידוּךְ וֶוען אַלֶעס אִיז דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל? נָאר זֵיי זָאגְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ זִיווּג פַאר אֵיינֶעם פוּן הִימְל, קֶען קוּמֶען אַ צְוֵוייטֶער אוּן מִיט תְּפִלָּה דָאס אַוֶועק נֶעמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ אַזוֹי, (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק ב', סִימָן י): "עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען בַּייטְן דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל.

וָואס מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה; תְּפִלָּה אִיז אַלֶעס מְשַׁנֶּה, תְּפִלָּה בַּייט דִי טֶבַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תְּפִלָּה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע.

ווארוּל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, גְרוֹיסֶע זַאכְן אוּן קְלֵיינֶע זַאכְן, אַלֶעס בֶּעט עֶר נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, ווארוּל אִיז אִים בְּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זִינְגֶען נִיגוּנִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, זִינְג נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן פוּן תְּשׁוּבָה; דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת, זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְשִׂיאַת כַּפַּיִם הֲלָכָה ה, אוֹת ו): "שָׁמַעְתִּי מֵאֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, "כִּי עִקַּר הַחִבּוּר וְהַדְּבֵקוּת מֵעוֹלָם הַזֶּה הַגַּשְׁמִי לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא מְרוֹמָם וְנִשְׂגָּב מְאֹד", דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ בַּאהֶעפְטְן פוּן דִי וֶועלְט, עוֹלָם הַגַּשְׁמִי - צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בִּפְרָט מִי שֶׁחָטָא וְנִתְרַחֵק מְאֹד מֵאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם", וֶוער רֶעדְט נָאךְ אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן וִויל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "הוּא עַל יְדֵי נִגּוּן וְזִמְרָה", אִיז דָאס דוּרְךְ זִינְגֶען נִיגוּנִים.

קִינְדֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען דִיךְ אִין חֵדֶר - דִי זֶענֶען דִיךְ זֵייעֶר מְקַנֵּא, זֵיי גְלִיסְטְן צוּ זַיין וִוי דִיר. מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן זֵיי, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ טְרִיק וִוי אַזוֹי נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן, "שֶׁלֹּא לִפְחֹד מֵהֶם", נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי; אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי אֱמוּנָה - שְׁפִּירְן דָאס דִי אַלֶע אוּן מֶען צִיטֶערְט צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יוֹם בְּשׂוֹרָה הִיא לָנוּ, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְֿנְט אַ יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דִי זְמַן אִין יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ שְׁטֶערְקֶער ווִי דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר; מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי זִיבֶּעצְנְסְטֶע יָאר, שְׁנַת טוֹ״ב - פוּן ווֶען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְֿנְט.

יוֹם בְּשׂוֹרָה הִיא לָנוּ, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְֿנְט אַ יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל תְּפִילּוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת - הָאט דָאס גֶעקֶענְט פַּאסִירְן. מִיר הָאבְּן גָאר גוּטֶע מַגִידֵי שִׁיעוּרִים, נָאךְ דָאס הָאט גֶעפֶעלְט פַארְן עָתִיד פוּנֶעם שְׁטֶעטְל.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק אוֹיפְן הִימְל, ״שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה״ (יְשַׁעְיָה מ, כו), הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן טְרַאכְט אֵיין סֶעקוּנְדֶע ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס׳, אוּן בֶּעט אִים פַאר דַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, בֶּעט אִים פַאר פַּרְנָסָה, בֶּעט אִים פַאר קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַלֶעס פַארְן יָאר, דִי תַּלְמוּדֵי תּוֹרָה׳ס אִין אַלֶע שְׁטֶעט, דִי סְקוּלְס, דִי יְשִׁיבוֹת; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַ ווִיכְטִיגֶע צוּזַאמְקוּם, מֶען גֵייט רֶעדְן זֵייעֶר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן; זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

### אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעבְּן צְדָקָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד; נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס, אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער מוֹסָד.

פַארְאַיָאר הָאסְטוּ זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן אוּן אִיךְ הָאף אַז דִי יָאר וֶועסְטוּ מַאכְן נָאךְ מֶער אוּן נָאךְ בֶּעסֶער.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ בֶּעטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן נִישְׁט דִי זַאךְ וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן, זִיךְ אַוֶועק לֵייגְן גֶעלְט פַאר חֲתוּנָה מַאכְן, עֶס קָאסְט אוּנְז גָארְנִישְׁט דָאס לֶעבְּן, חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אִיז בִּילִיגֶער וִוי זֵיי הַאלְטְן אִין שְׁטוּב. אוֹיךְ קָאסְט נִישְׁט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס עֶס קָאסְט דָאס לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע; גֵיי פְרֶעג וִויפִיל אַ טַאטֶע צָאלְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער פַאר הִילְף, צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר יֶעדְן קִינְד, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא דִי גְנֵבוֹת, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף נַאטִירְלִיךְ, אִיז שַׁיָיךְ בַּיי אוּנְז צוּ גֶעבְן צְדָקָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### צוּלֵייגְן אַ פְלֵייצֶע צוּם חֵדֶר, סְקוּל, אוּן דִי יְשִׁיבָה, מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מָר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֲבֵר הַנְהָלָה**

דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר, הָאבְרֵךְ רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר - וֵויינְט צוּ מִיר אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אַריינְגֵיין אִין אָפִּיס זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן.

געֶדענק, וָואס מֶען טוּט פַאר דִי מוֹסָד - דָאס אִיז אַן אֵייבִּיגְקֵייט, נָאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה בְּלַייבְּט, דָאס נֶעמְט דִי נְשָׁמָה מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

נָאךְ אַ זַאךְ, דֶער עָתִיד פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל אִיז דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל; וִוי שֶׁענֶער מֶען וֶועט דָאס אֲוֶועקְשְׁטֶעלְן, אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זָאלְן הָאבְּן קָאפּ אוּן מֹחַ פַאר דִי קִינְדֶער - דָאס אִיז אוּנְזֶער עָתִיד, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר וואוּיל, אָבֶּער דִי מוֹסָד; דִי חֵדֶר, בֵּית פֵיגָא אוּן דִי נֵייעֶ יְשִׁיבָה - דָאס אִיז אוֹיף וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְלֵייגְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין שְׁטֶעטְל, וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ אַ פְּלֵייצֶע צוּם חֵדֶר אוּן סְקוּל מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר, אַז דֶער זְכוּת אוּן דִי שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן קֶענֶען זִיךְ דֶעקְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן גְרִינְגֶער. אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה אוּן דִי חֵדֶר, וִוי מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט; אִיךְ פְלֶעג זִיךְ אַרָאפְוַוארְפְן בַּיינַאכְט אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין נָאךְ אַ טָאג, מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. נִישְׁט אֵיין וָואךְ זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג, מִיר הָאבְּן אֵיין וָואךְ אַ יָאר בַּאצָאלְט... פְרֶעג דִי מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט דִי יָארְן וָואס דִי חֵדֶר הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פְּרוּטָה לְפוּרְטָה, נִישְׁט גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט, אוּן מִיט דִי חִיזוּק פוּן מוֹהַרָא"שׁ אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - הָאבְּן מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קוּק וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט, וִוי שֵׁיין דִי מוֹסָד

אִיז, אוּן ווִי עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט זִיךְ יֶעדֶע מִינוּט אִין נָאךְ אַ שְׁטָאט, אִין נָאךְ אַ לַאנְד; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן קֶענֶען זִיךְ דֶעקְן.

אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, דֶער מֶענִידְזְשֶׁער, הָאַבְרֵךְ אֱלִיעֶזֶר נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מֶען הָאט אִים גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, מֶען לָאזְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט מַאכְן, פַארֶערְכְטְן וְכוּ' וְכוּ'; דַארְפְּסְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף זִיךְ קֶענֶען רִירְן, עֶר דַארְף בַּאקוּמֶען גֶעלְט צוּ קֶענֶען פַארֶערְכְטְן, בּוֹיעֶן, מַאכְן וְכוּ' וְכוּ'; הַלְוַאי וֶוען מֶען קֶען וֶוען הָאבְן אִינְגֶעלַייט זָאלְן קוּמֶען הֶעלְפְן אַזוֹי ווִי אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אַלֶע הָאבְן גֶעהָאלְפְן, אַלֶע הָאבְן גֶעבּוֹיט; יֶעצְט וֶוערְט דִי מוֹסָד גְרֶעסֶער, וֶוערְט עֶס אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי גֵייט עֶס; זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְן וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ בּוֹיעֶן וְכוּ' וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ אַרַיינְקוּמֶען וְכוּ'; עֶס אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען מִזְּמַן לִזְמַן אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיבֶּערְגֵיין מִיט מִיר פָּנִים בְּפָנִים אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן פוּן דִי מוֹסָד.

שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס אוּן גֵיי אִין פֶעלְד, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען טוּן דִי אַרְבֶּעט בֶּאֱמָנוּת, מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דַיין הִילְף צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי בִּנְיָנֵי מוֹסְדוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן צָאלְן דִי חוֹבוֹת אִין וָואס אִיךְ בִּין אַרַיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ דִיר פַארְן הֶעלְפְן שַׁאפְן אַ נַדְבָן פַאר דִי מִקְוֶה טָהֳרָה אִין דִי נַייעֶ גֶעגְנְט אִין שְׁטֶעטְל.

די מוֹסָד דַארְף יֶעצְט דַיין הִילְף, מִיר דַארְפְן צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער פַאר די נֵייעֶ חֶדֶר בִּנְיָן אִין שְׁטֶעטְל, און נָאךְ, וָואס מִיר וֶועלְן רֶעדְן פָּנִים בְּפָנִים.

עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן אַ בְּלַאט גְמָרָא און אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אָן תּוֹרָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט; בִּפְרַט אַז מֶען אִיז עוֹסֵק אִין שַׁאפְן גֶעלְט, מֶען לוֹיפְט נָאךְ עֲשִׁירִים - דַארְף מֶען לֶערְנֶען גְמָרָא און מִשְׁנַיוֹת מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס אִיז תַּכְלִית, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס און מַאכְט אַלֶעס, און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### אִינְמִיטְן דִי יָאגֶענִישׁ און פְלָאגֶענִישׁ, כַאפְּט מֶען אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין גָאר לַאנְגֶער בְּרִיוו.

דוּ ווִילְסְט וֶוערְן אַ מַלְאָךְ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג און נָאךְ מַלְאָכִים אִין הִימְל, אוֹיף וָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאשַׁאפְן? וַוייל פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, וָואס אִיז פַארְיָאגְט און פַארְפְלָאגְט, און כַאפְּט אַרוֹיס אַ דַאוְוענֶען, כַאפְּט אַרוֹיס אַ קְרִיאַת שְׁמַע - דָאס אִיז אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֲבוֹדַת הַמַּלְאָכִים.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַזוֹי ווִי דִיר אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט און וֶוערְן אַ מַלְאָךְ; וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי׳ן הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַ נֵייעֶ דֶערְהֶער, מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט דִי וַוייבּ, מִיט דִי קִינְדֶער און זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, כא), בֵּית שַׁמַּאי און בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז

קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, הִימְל אָדֶער עֶרְד, בֵּית שַׁמַּאי זָאגְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן הִימְל אוּן נָאכְדֶעם עֶרְד, בֵּית הִלֵּל זָאגְן פַּארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן עֶרְד אוּן נָאכְדֶעם הִימְל, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי: "תָּמֵהַּ אֲנִי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ, "אֵיךְ נֶחְלְקוּ אָבוֹת הָעוֹלָם עַל בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ", וָואס קְרִיגְן זִיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס אִיז עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? "שֶׁאֲנִי אוֹמֵר, שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִיסּוּי", אִיךְ הַאלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד מִיט דִי הִימְל בֵּיידֶע אוֹיף אֵיינְמָאל, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיטְן דֶעקְל; מוֹהֲרַא"ש אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן שָׁמַיִם אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט רוּחָנִיוּת, זַיין אַ 'הִימְל מֶענְטְשׁ' וִוי מֶען רוּפְט עֶס, אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט, בֵּית הִלֵּל זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶרְשְׁט בַּאשַׁאפְן עֶרְד, צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף זַיין דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, וָואס דַארְף מֶען אָפְּטֵיילְן עֶרְד פוּן הִימְל, הִימְל פוּן עֶרְד? מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן זַיין אִין הִימְל, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל, זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד, לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, הָאבְּן קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיפְצִיעֶן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז דָאס גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן זַיין דָא אוּן דָארְט, לֶעבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִיט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַּארְשְׁטֵיי גוּט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַדוּרְכְגֵיין דָאס לֶעבְּן אוּן הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לֶערְנֶען סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין אִין מִקְוֶה - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקּוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן מִקְרֶה לַיְלָה; אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים - דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָא אַ גוּטֶע סְגוּלָה אוֹיף לְהַבָּא, נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ מִקְרֶה לַיְלָה - צוּ לֶערְנֶען אֵיידֶער מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל יֶעדֶע נַאכְט בַּעֲווֹן קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זָאל אִים גֶעבְּן אַ עֵצָה, הָאט אִים דֶער מַגִּיד גֶעגֶעבְּן אַ עֵצָה, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר זֶעט יֶעדֶע נַאכְט קֶרִי רַחֲמָנָא לִצְלָן. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה". דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיטְן רֶבִּי'ן, זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אָבֶּער שׁוֹין גֶעוָוארְן מִתְנַגְּדִים.

זַיי נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן אֵיין בְּלַאט גְּמָרָא בְּכָל יוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**כָּאטְשִׁיג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אֵיין בְּלַאט גְּמָרָא בְּגִירְסָא יֶעדְן טָאג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיב אִיז מֶעגְלִיךְ דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָּאטְשִׁיג אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אֵיין בְּלַאט גְּמָרָא בְּגִירְסָא, זָאגְן דִי ווֶערְטֶער.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ מַיין לִיבֶּער פְרֵיינְד, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן. ווֶעסְט שְׁפִּירְן גוּט מִיט זִיךְ, וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ; תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, תּוֹרָה גֶעבְּט אַ רִיכְטִיגֶע סִיפּוּק הַנֶפֶשׁ.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיב דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת וּגְמָרָא - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין יֶעדְן פְּרַט פוּן לֶעבְּן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

**אִיךְ ווִיל דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי מְלַמְדִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אַ טַאטֶע רוּפְט אוּן זָאגְט הֶעָרוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאס אִיז דָאךְ וָואס אִיךְ ווִיל, אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט דִי מְלַמְדִים, זֵיי זָאלְן אָנְרוּפְן אוּן רֶעדְן. אִיךְ ווִיל דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי מְלַמְדִים, אוּן אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף, זֵיי מַאכְן אַוֶועק, זֵיי זֶענֶען מְזַלְזֵל - זָאלְן דִי מְלַמְדִים נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט.

זַיי בַּאזוּנְדֶער מְחַזֵק דֶעם מְלַמֵד הָאבְּרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען אַ טַאטֶע טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן זָאגְט אִים: ״בִּיסְט נָאךְ יוּנְג, דוּ ווֵייסְט נִישְׁט״; עֶר זָאל אוֹיסְהֶערְן, אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען אוּן טוּן ווַייטֶער זַיין אַרְבֶּעט בֶּנֶאֱמָנוּת.

דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין נָאר דֶער שְׁטְרֶענְגֶער אִין חֵדֶר; בֶּעט דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן דִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְרִימֶען דִי קִינְדֶער, סַיי אִין כִּתָּה אוּן סַיי וֶוען דוּ רֶעדְסְט בַּיי מִיטָאג פַּאר אַלֶע קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט נָאר זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער מְנַהֵל.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי מְלַמְּדִים, אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען גֶעבְּן חִיזוּק אוּן נִישְׁט זַיין נָאר דֶער שְׁטְרֶענְגֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען אַרַיינְנֶעמֶען פְּרֶעמְדֶע קִינְדֶער פַּאר גֶעלְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַרַיין צוּ נֶעמֶען אַ קִינְד, אוֹיפְצִיעֶן אַ קִינְד - וָואס הָאט נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער דָאס זָאלְן טוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, דוּ הָאסְט אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ אוֹיפְצִיעֶן דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן זַיין פַּאר זֵיי גֶעטְרֵיי.

בְּנוֹגֵעַ גֶעלְט וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ, דוּרְךְ אוֹיפְצִיעֶן אֵייגֶענֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, מֶען בַּאקוּמְט מֶער גֶעלְט ווִי וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אַ פְּרֶעמְדֶע קִינְד; מֶען בַּאקוּמְט שְׂכַר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ, מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ - הָאט מֶען גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִיךְ מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק דִי מִצְוָה, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער דָאס זָאלְן טוּן דִי וָואס וַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי גֶעבְּן קִינְדֶער; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת נִפְקַד צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

בְּרֶענְג דַיין זוּן אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל, בְּרֶענְג אִים צוּם מִקְוֶה, שְׁטֶעל אוֹיס דַיין סֵדֶר הַיּוֹם אַלֶעס פַּאר דִי טוֹבָה פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; חִינוּךְ פוּן דַיינֶע

קִינְדֶער זָאל זַיין בַּיי דִיר דָאס הֵיילִיגְסְטֶע, אֲפִילוּ מֶען דַארְף אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי גַאנְצֶע טָאג.

אַ בְּלַאט גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר הֵיילִיג אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִילִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין, אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן מג): ״עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַאר וֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס זֵיי לַיידְן, אוּן אַז זֵיי זֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶוערְן זֵיי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט דוּרְכְדֶעם, אוּן זֵיי רֶעדְן זִיךְ אוֹיס״.

דַייט וַוייטֶער מְחַזֵק יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה קֶען מֶען אוֹיסְלֶעשְׁן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פֵייעֶר פוּן יֵצֶר הָרָע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז עֶס פְלַאקֶערְט אִין דִיר תַּאֲווֹת נִיאוּף - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן דָאס אוֹיסְלֶעשְׁן מִיט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וַוייל נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה קֶען מֶען אוֹיסְלֶעשְׁן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פֵייעֶר פוּן נִיאוּף; נָאר מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען,

נָאךְ אַ פֶּרֶק, נָאךְ אַ פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס וֶועט דיךְ רַאטֶעוֶוען פון דִי פֵייעֶר וָואס פַארְבְּרֶענְט דִיר.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַלֶע סְגוּלוֹת און אַלֶע יְשׁוּעוֹת; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דו וֶועסְט זוֹכֶה זַיין דורְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דורְךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיבּ דו הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט און דו דַארְפְסְט בָּארְגְן גֶעלְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט נוּצְן קַיין קְרֶעדִיט קַארְד; קְרֶעדִיט קַארְד אִיז אַ דֶרֶךְ קְצָרָה וַאֲרוּכָה, עֶס זֶעט אוֹיס גְרִינְג, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוערְט מֶען צֶעבִּיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער, מֶען צָאלְט שְׁרֶעקְלִיכֶע רִיבִּית; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה און גֵיין נָאךְ גֶעלְט - ווִי זִיךְ שִׁיסְן מִיט קְרֶעדִיט קַארְדְס.

זָאג תְּהִלִּים קַאפִּיטְל פג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן קַיין אֵיין אִיד און מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן.

א שִׁיר מִזְמוֹר לְאָסָף: ב אֱלֹקִים אַל דֳּמִי לָךְ אַל תֶּחֱרַשׁ וְאַל תִּשְׁקֹט אֵ-ל: ג כִּי הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ: ד עַל עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל צְפוּנֶיךָ: ה אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד: ו כִּי נוֹעֲצוּ לֵב יַחְדָּו עָלֶיךָ בְּרִית יִכְרֹתוּ: ז אָהֳלֵי אֱדוֹם וְיִשְׁמְעֵאלִים מוֹאָב וְהַגְרִים: ח גְּבָל וְעַמּוֹן וַעֲמָלֵק פְּלֶשֶׁת עִם יֹשְׁבֵי צוֹר: ט גַּם אַשּׁוּר נִלְוָה עִמָּם הָיוּ זְרוֹעַ לִבְנֵי לוֹט סֶלָה: י עֲשֵׂה לָהֶם כְּמִדְיָן כְּסִיסְרָא כְיָבִין בְּנַחַל קִישׁוֹן: יא נִשְׁמְדוּ בְעֵין דֹּאר הָיוּ דֹּמֶן לָאֲדָמָה: יב שִׁיתֵמוֹ נְדִיבֵמוֹ כְּעֹרֵב וְכִזְאֵב וּכְזֶבַח וּכְצַלְמֻנָּע כָּל נְסִיכֵמוֹ: יג אֲשֶׁר אָמְרוּ נִירְשָׁה לָּנוּ אֵת נְאוֹת אֱלֹקִים: יד אֱלֹקַי שִׁיתֵמוֹ כַגַּלְגַּל כְּקַשׁ לִפְנֵי רוּחַ: טו כְּאֵשׁ תִּבְעַר יָעַר וּכְלֶהָבָה תְּלַהֵט הָרִים: טז כֵּן תִּרְדְּפֵם בְּסַעֲרֶךָ וּבְסוּפָתְךָ תְבַהֲלֵם: יז מַלֵּא פְנֵיהֶם קָלוֹן וִיבַקְשׁוּ שִׁמְךָ ה׳: יח יֵבֹשׁוּ וְיִבָּהֲלוּ עֲדֵי עַד וְיַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ: יט וְיֵדְעוּ כִּי אַתָּה שִׁמְךָ ה׳ לְבַדֶּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל הָאָרֶץ:

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַלְוַאי זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ פִירְן אַ בָּאס; דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, אִיךְ דַארְף הָאבְּן נָאךְ דְרֵייוֶוערְס, אוּן אַזוֹי ווִי מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע - אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק פַאר דִי מוֹסָד צוּ אוֹיפְנֶעמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, ווִיל אִיךְ אַז דִי מְלַמְדִים זָאלְן קֶענֶען אוֹיךְ פִירְן קִינְדֶער אִינְדֶערְפְרִי אוּן אַהֵיים טְרָאגְן בַּיינַאכְט.

הַלְוַאי זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל זַיין וַוארֶעם צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי ווִי וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד מִיט יָארְן צוּרִיק, בֵּיידֶע מְנַהֲלִים, סַיי ר' אַבְרָהָם מֹשֶׁה דֶער מְנַהֵל פוּן יְשִׁיבָה, אוּן סַיי ר' מָרְדְכַי דֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה - בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט פַאר דִי חֵדֶר יָארְן לַאנְג אָן קַיין גֶעהַאלְט. אוֹיךְ הָאבְּרֵךְ הִלֵּל נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד. אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען צֶוענְדְלִיגֶער נֶעמֶען פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הַיינְט זֶענֶען זֵיי שֵׁיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים, זֵיי פִירְן שֵׁיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן - נָאר פַארְן הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר אִימְפֶּערְיֶע אִין אַמֶערִיקֶע.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין שְׁוָואגֶער ..., אוֹיךְ פַאר ..., אֶפְשָׁר ווִילְן זֵיי מַאכְן אֵיין אָדֶער צְוֵויי טְרִיפְּס יֶעדְן טָאג מִיטְן שָׁאטְל צוּ בְּרֶענְגֶען דִי טִיטְשֶׁערְס אִין סְקוּל בֵּית פֵיגָא? אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אוֹיפְהֶענְגֶען דֶעם בְּרִיוו אִין שׁוּל אוּן אוּנְטֶערְשְׁטְרֵייכְן דִי וֶוערְטֶער: הַלְוַאי זָאלְן אִינְגֶעלַייט זַיין וַוארֶעם, קוּמֶען אִין אָפִיס פְרֶעגְן 'וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן? וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר דִי חֵדֶר? פַאר דִי סְקוּל? פַאר דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה?'

אִיךְ פַאל פוּן דִי כֹּחוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֶעס אַלֵיינְס מַאכְן אוּן טוּן. דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר וֵויינְט צוּ מִיר, עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט, עֶס קוּמְט אוֹיס יֶעדֶע צְוֵויי וָואכְן אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ בַּאצָאלְן נָאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

וָואלְטְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן אַ חֵדֶר פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַ סְקוּל, אַ יְשִׁיבָה - פַאר דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער - וָואלְטְן מִיר זִיךְ גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן וָואס אִיךְ זָאג דִיר אוּן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ קֶענֶען פִירְן אַ בָּאס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

נֶעמְט אַייךְ פָאר דִי גוּטֶע קַבָּלָה, יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז אַייךְ גְרִינְגֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים - זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג "מִזְמוֹר לְתוֹדָה, כִּי טוֹב ה' לְעוֹלָם חַסְדּוֹ"; דָאס וֶועט עֶפֶענֶען דִי שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּענְטְשׁ אַייךְ אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, אוּן זֶען פוּן זֵיי נַחַת דִּקְדֻשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, נָאר זִיךְ הִיטְן דִי גֶעזוּנְט אוּן עֶסְן גֶעזוּנְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס גֵיין זִיךְ בּוֹדֵק זַיין וְכוּ׳; אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז דִי צוּקֶער אִיז הוֹיךְ דַארְף מֶען נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען עֶסְט.

עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַסַאךְ, בִּשְׁעַת מֶען וַוארְט אַ שִׂמְחָה הָאט מֶען הוֹיךְ צוּקֶער; מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אָדֶער פַארְלוֹירְן, נָאר אֵיין זַאךְ, זִיךְ הִיטְן דָאס גֶעזוּנְט, עֶסְן גֶעזוּנְט.

זָאגְט שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. מוֹהֲרַא״ש זָאגְט פְּרוּוְועֶן וָואס וַוארְטְן זָאלְן זָאגְן אִין דִי צַייט "שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" - נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים - קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע.

זָאגְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֵיינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִיק, דָוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַא״שׁ מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירוּת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְגֶערְהֵייט אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ

וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס, קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיךְ אוּן הִיט דָאס קִינְד, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן מִיךְ אָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא מִיט דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים.

מִיר אִיז הַיינְט שְׁוֶוער צוּ גֵיין אוֹיף חֲתוּנוֹת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין אִיבְּרִיגֶע מִינוּט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין שִׂמְחוֹת, נָאר שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט מַאכְן אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת. דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן גוּט אוּן דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ שְׁפִּירְן גְלִיקְלִיךְ מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווילְסְט שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן? גֵיי פַּארְטָאגְס שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן פְּרִי, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס. אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ צֶען אַזֵייגֶער שְׁטֵייט מֶען שׁוֹין מֶען אוֹיף פִיר אַזֵייגֶער, וֶועסְט קֶענֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת און לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים; חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, תִּיקוּנִים.

בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, ווילְסְט שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן? טַעַם עוֹלָם הַבָּא? גֵיי פַּארְטָאגְס שְׁפַּאצִירְן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, שֶׁעפְּשֶׁע תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנִים תִּיקוּן ה, דַף כ.): "וְאִיהוּ צִפְצוּף עוֹפִין קַדִּישִׁין", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶר גוֹרֵם אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ אוֹיבְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, סג): "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה" וְכוּ', "זַכָּאָה אִיהוּ מָאן דְּפָגַע בָּהּ", עַיֵּין שָׁם.

דְרֵיי אוֹיס דַיין סֵדֶר הַיּוֹם, דַאוֶוען מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס זַיין אַבִּיסְל שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם גוּף צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אִין צַייט אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַּארְטָאגְס, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - אִיז דֶער טָאג אַ גַן עֵדֶן, מֶען שְׁפִּירְט טַעַם עוֹלָם הַבָּא.

...

## מִיט אֱמוּנָה, וֶוערְט בָּטֵל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, ג' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי טֵייעֶר, אַזוֹי לִיכְטִיג, זֵיי בְּלִיעֶן אִין אוּנְזֶער מוֹסָד; סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים; אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

נֶעם אַרֵיין אִין דִיר אֱמוּנָה, טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטֶעל זִיךְ אָפּ פַּאר אֵיין רֶגַע אוּן טְרַאכְט: 'עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער

װעלְט׳; אַזוֹי װעלְן בָּטֵל װערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת, דִמְיוֹנוֹת, שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת און אַלֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כה, אוֹת ד): "אִי אֶפְשָׁר לְהַכְנִיעַ הַקְלִפּוֹת", מֶען קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען דִי קְלִיפּוֹת, וָואס מֵיינְט דָאס קְלִיפּוֹת? "הַיְינוּ הַדִּמְיוֹנוֹת", פַאנְטַאזִיעֶס, "וְהַמַּחְשָׁבוֹת", און שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, "וְהַתַּאֲווֹת", און אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גְלוּסְט, "אֶלָּא עַל יְדֵי גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא", נָאר דוּרְךְ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס גְרוֹיסְקֵייט; וַוייל וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן 'אַהּ... מְחַיֶּ׳, עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא, עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס׳ - װערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת אוֹיס, כְּלָא.

װען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּ דִיר און רֶעדְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶרֶע פַאנְטַאזִיעֶס, זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת - זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר אַזוֹי װעסְטוּ זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן, און דוּ אַלֵיין װעסְט אוֹיךְ װערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וְכוּ׳.

...

### דוּרְךְ אֱמוּנָה גֵייט מֶען אַװעק פוּן דִי טוּמְאָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

דֶער עִיקָר תִּיקוּן אוֹיף תַּאֲוַת נִיאוּף - אִיז אֱמוּנָה, נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע װעג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען װערְן גֶערַאטֶעװעט פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לו): "כִּי תִּקּוּן שֶׁל הִרְהוּרֵי זְנוּת שֶׁבָּא לְאָדָם, שֶׁיֹּאמַר 'שְׁמַע׳ וּ'בָרוּךְ שֵׁם׳", װען מֶען הָאט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן נִיאוּף זָאל מֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, "וּכְשֶׁאָדָם מְקַבֵּל עָלָיו עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם", װען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס און פִירְט אַלֶעס, - "וּמְפָרֵשׁ אֶת נִשְׁמָתוֹ מִנִּשְׁמַת עֵרֶב רַב, הַבָּאִים מֵאִשָּׁה זוֹנָה, שֶׁהִיא שִׁפְחָה בִּישָׁא", גֵייט עֶר אַװעק פוּן דִי טוּמְאָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, עֶס בְּרֶענְט, עֶס פְלַאקֶערְט, דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; וִויפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת - פַאלְט מֶען אוּן מֶען פַאלְט... בְּרוּדֶער, עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ טוּסְט אַלֶעס, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, קַיין מִקְרֶה, קַיין מַזָל". דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) וֶוער עֶס אִיז נֶעבֶעךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ פּוֹגֵם זַיין - דַארְף וֵויינֶען, "צָרִיךְ לְהוֹרִיד דְּמָעוֹת בִּשְׁעַת קַבָּלַת מַלְכוּת שָׁמַיִם", וֵויינֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וואוּ בִּין אִיךְ פַארְקְרָאכְן... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן".

הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מָאל "אַשְׁרֵינוּ" אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי.

...

## דִי תֵּיבָה זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי הַיינְטִיגֶע מַבּוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ בַּיי דִיר? אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן אוּן דוּ דֶערְהַאלְטְּ זִיךְ.

דִי וָואךְ פָּרָשַׁת נֹחַ זֶעעֶן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ: "בּוֹי אַ תֵּיבָה זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי מַבּוּל, מַאךְ דִי לֶענְג שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אוֹרֶךְ, פוּפְצִיג אֵיילְן דִי בְּרֵייט אוּן דְרַייסִיג אַיילְן דִי הוֹיכְקֵייט", דָאס קוּמְט אוֹיס דִי אוֹתִיוֹת ש׳ - שְׁלֹשׁ מֵאוֹת, נ׳ - חֲמִשִּׁים אַמּוֹת, ל׳ - שְׁלוֹשִׁים אַמּוֹת; זָאגְט אוּנְז מוֹהֲרַא"שׁ, דָאס אִיז ׳לָשׁוֹן׳, דִי צִינְג; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם מַבּוּל, פוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן, דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים. אַז מֶען נוּצְט דִי צִינְג, דִי לָ׳שׁ׳וֹ׳ן׳ - וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁיֵּשׁ לָנוּ רֶבִּי כָּזֶה.

...

**זָאג דַיין וַוייבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִי זָאל רֶעדְן מִיט דִי פְרוֹי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט אַז דַיין וַוייבּ רֶעדְט מִיט ...., ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן, פַּאר דַיין טוֹבָה, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג; זָאג דַיין וַוייבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִי זָאל רֶעדְן מִיט דִי פְרוֹי. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן הֲלָכָה ד', אוֹת ז; וְעוֹד): "שָׁמַעְתִּי מֵאַדְמוֹ"ר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, "חָסִיד שֶׁנָּפַל", אַ חָסִיד וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט, "גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָּד", אִיז עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט.

מִיט אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעשְׁמוּעֶסְט, מֶען וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן; זָאגְט דֶער רֶבִּי, נָאךְ אַסַאךְ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל.

יֶעצְט וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס גֶעוַויין פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס הָאט גֶעוֵויינְט: "דִי בְּחִירָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע כֹּחוֹת פַארְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אַזוֹי צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט..."

וַוייז דֶעם בְּרִיוו אִין שׁוּל פַאר אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים, וַוייל אַלֶע דַארְפְן דִי חִיזּוּק.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

...

**אֵיינֶער מַאכְט מִיט דִי הֶענְט, און פוּן דֶעם הָאט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, זִי הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ לָשׁוֹן הָרָע וְכוּ'; יֶעצְט אִיז זִי אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, צוּ מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן קֶעגְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט נַארִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אִיךְ פְלֶעג אַזוֹי וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אָנְקוּמֶען צוּם אֱמֶת, אִיךְ ווִיל זִיךְ

נִישְׁט נַארְן"; נִישְׁט אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען, אִיךְ וֵוין נָאכְאַלְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט נַארְן".

קוּק וִוי גְרוֹיס דִי בְּחִירָה אִיז; קוּק וָואס הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט עֶנְק גֶעגֶעבְּן, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים צַדִיק; וִויפִיל תּוֹרָה, וִויפִיל תְּפִלָּה, וִויפִיל שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן וֶועגְן אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶע פְּרוֹי וָואס שְׁטֵייט אוּן הֶעצְט אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז טוּמְאָה אוּן קְלִיפּוֹת - זָאלְט אִיר אַלֶעס אָפְּלָאזְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלג) "שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, "שֶׁאָמַר", וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹי וַאֲבוֹי, כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", גִיוַואלְד! דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְט אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע פַּארְכְטִיגֶע סוֹדוֹת, אוּן דָאס קְלֵיין הֶענְטֶלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם צַדִיק, עֶר בַּאקוּמְט עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - סַיי מִיט זִיךְ אַלֵיין; סַיי מִיט פַּרְנָסָה; סַיי מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מִיט וָואס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶּער - "אוֹי וַאֲבוֹי, הַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים", דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס. דָאס הֵייסְט אַז אֵיינֶער פְרֶעגְט אִים: "וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ?" אוּן וֶוען מֶען עֶנְטְפֶערְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לַייט, מַאכְט יֶעגֶער מִיט דִי הֶענְט אַ תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל, אוּן פוּן דֶעם הָאט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ'. אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: "גִיוַואלְד"; אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: "גִיוַואלְד, גִיוַואלְד!"

נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיים אֱמֶת.

טְרָאג דֶעם בְּרִיוו שַׁבָּת בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל, וַוייל אַלֶע דַארְפְן גְרוֹיס חִיזוּק.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיש
goodpointmediainc@gmail.com